מגן ומושיע
צו פארמיידן און צו העלפן בעניני חינוך • To prevent and to help

# חינוך געדאנקען

דורך הרב ל.י. גרינבערג

פרשת כי תשא
י"ד אדר א' תשע"ד
פורים קטן

גליון כ'

## אנטדעקן די אנדערע האלב

**עס מאכט זיך אפטמאל** אז מען שיקט אוועק א קינד צו א שכן אדער קרוב צוליב א שמחה וכדו'. ווען דאס קינד קומט צוריק קען מען אפטמאל הערן גרויסע שבחים אויף אים, וואספארא געלונגענער און גוטער קינד דאס איז. ווי גרינג ער איז געווען און ווי שטארק מען האט הנאה געהאט פון אים. צומאל זאגט מען דאס סתם ווייל מען וויל א טובה טון פאר די עלטערן, אבער אסאך מאל איז ניכרים דברי אמת און מען קען זען אז מען מיינט דאס ערנסט. די עלטערן וועלן אפגעבן א ברייטהארציגן דאנק פאר די גוטע בשורה, אבער אין הארצן קענען זיי טראכטן, 'אינטערעסאנט, ביי אונז אינדערהיים איז ער בכלל נישט דער וואונדער קינד פון וואס מען רעדט. מען זעט אינגאנצן נישט די מעלות ביי אים. אזוי אויך קען מען אמאל זען אז א געוועגליכער בחור האט חתונה, און אלס יונגערמאן הייבט ער אן צו שיינען און בליען, און מען זעט ביי אים געוואלדיגע מעלות וואס מען האט נישט געזען אלס בחור. אפילו ווען ער גייט צוריק צום טאטן אויף א באזוך וועט ער צוריק ווערן דער אומבא'טעמ'טער בחור וואס ער איז געווען.

כדי צו ערקלערן דעם פענאמענאן וועל איך דערציילן א מעשה וואס איך האב געהאט אלס מלמד אין כתה ו'. מען האט דאן געמאכט חזרה אויף פרק לולב הגזול און צום סוף פון די חזרה האט מען זיך געדארפט פארהערן דעם גאנצן פרק מיט א בחינה פון פופציג שאלות. איך האב צוגעזאגט פאר די תלמידים אז ווער עס וועט באקומען א צייכן העכער ניינציג וועט באקומען א שיינע סעט ספרים. איך האב דאן געהאט א כתה פון זעקס און צוואנציג תלמידים. איך האב אריינגעטראכט אין דעם מצב פון די קינדער, און איך האב באשלאסן אז צוויי און צוואנציג פון זיי וועלן רואיג קענען דערגרייכן א צייכן העכער ניינציג אויב זיי וועלן לערנען פלייסיג, אבער די איבריגע פיר האבן שוואכערע כשרונות און זיי וועלן דאס נישט קענען באוויזן. איך האב דעריבער צוגערופן יעדער פון די פיר קינדער באזונדער און געמאכט מיט זיי א געשעפט, זאגנדיג: "איך וועל אייך נאר פארהערן א קליין חלק פון דעם פרק, און איך וועל שניידן די בחינה צו צוויי און צוואנציג שאלות. אויב איר וועט באקומען א גוטער צייכן אויף די גרינגע בחינה וועט איר אויך באקומען דעם סעט ספרים."

ווען עס איז געקומען צום פארהער האב איך טאקע אזוי געטון און געגעבן פאר די קינדער א גרינגערע בחינה, אבער צום באדויערן האט זיך ארויסגעשטעלט אז בלויז איינער פון די פיר האט באקומען העכער ניינציג. די איבריגע דריי האבן באקומען שוואכע צייכנונגען. אויסער זיי האט די גאנצע קלאס באקומען א גוטער צייכן. איך האב נישט געקענט מחליט זיין אויב איך זאל טאקע נישט געבן פאר די דריי קינדער די מתנה, און איך האב באשלאסן עס צו איבערשמועסן מיט אן אנדער מלמד. יענער האט גלייך געזאגט אז איך זאל בשום אופן נישט געבן א מתנה פאר די אנדערע דריי קינדער, און עס איז גענוג דאס וואס איך האב זיך גערעכנט מיט זיי און געגעבן א גרינגערע בחינה, און אז אויב איך וועל זיי יא געבן א מתנה קען עס גאר שאטן פאר זיי, ווייל זיי וועלן זיך אויסלערנען אז זיי באקומען מתנות אפילו אויב זיי פארדינען זיך עס נישט.

איך בין אבער נישט געווען רואיג מיט דעם באשלוס, און איך בין געגאנגען עס איבעררעדן מיט א חשוב'ער דיין. ווען איך האב פארגעלייגט די שאלה האט מיר דער דיין געעפנט די אויגן און ערקלערט, אמת אז דו האסט זיך גערעכנט מיט די פיר קינדער בנוגע זייערע שוואכערע כשרונות, אבער וואס איז מיט דעם וואס זייער מוהט איז געפאלן דורכ'ן זען ווי דער גאנצער קלאס הייבט אן לערנען מיט א חשק און זיי חזר'ן איין בלאט און נאך א בלאט בשעת די פאר קינדער קענען קוים אנקומען א פערטל דערפון. איז דאס דען נישט גענוג צו פארקלאפן דעם חשק פון זיך אנשטרענגען און מצליח זיין אויף די בחינה?

> **אבער וואס איז מיט דעם וואס זייער מוהט איז געפאלן דורכ'ן זען .... איז דאס דען נישט גענוג צו פארקלאפן דעם חשק פון זיך אנשטרענגען און מצליח זיין אויף די בחינה?**

די ווערטער זענען מיר אריין אין קאפ, און מיר האבן אויסגעארבעט א מהלך ווי אזוי איך זאל זיי געבן א חלק פון די מתנה יעצט און די איבריגע חלק שפעטער, אזוי אז די גוטע קינדער וואס האבן זיך אנגעשטרענגט און געקענט זאלן נישט שפירן אז דאס איז געווען אומזיסט, און אזוי אויך די קינדער זאלן נישט שפירן אזוי אז זיי האבן סתם אזוי באקומען א מתנה. אבער די לעקציע איז מיר געבליבן אין די ביינער. **ווען א קינד שפירט זיך צוקלאפט און דערנידערט אז ער האט נישט די מעלות וואס מען ערווארט פון אים, דעמאלט קען ער אפילו נישט ארויסברענגען די כשרונות וואס ער האט יא.** דערפאר איז פארשטענדליך פארוואס ווען דאס קינד איז אינדערהיים און

המשך אויף צד ב'

גליון זו נתנדב לעילוי נשמות היקרים והנכבדים יראים ושלמים
מוהר"ר אברהם בן ר' שלמה קלונומוס ע"ה מאטאוויטש
ולמוהר"ר מנחם מענדל בן ר' יצחק ע"ה ראזנער
נפטרו כ' אדר ת.נ.צ.ב.ה.
נתנדב על ידי משפחות פרידמאן, יאמפעל, הערשקאוויטש

המשך פון צד א'

מען לייגט א דרוק אויף אים אז ער זאל זיך אויפפירן כהוגן שפירט ער אז ער קען סיווי נישט נאכקומען דאס וואס מען ערווארט פון אים. און דורך דעם פארלירט ער אינגאנצן די מוהט זיך צו אנשטרענגען און ארויסברענגען די כוחות וואס ער האט יא. אבער ווען ער גייט צו א פרעמדע הויז וואו ער שפירט נישט אז ער דארף כסדר צופרידנשטעלן דעם טאטן, ווייל יענעם אינטערעסירט נישט אויב ער קען דעם פארהער אדער וויפיל ער לערנט, ממילא האט ער א געלעגנהייט ארויסצואווייזן זיינע אמת'ע, באהאלטענע כשרונות. אזוי איז אויך ווען א בחור האט חתונה און ער שפירט אז ביים שווער קוקט מען אים נישט אן מיט א מיקראסקאפ אז זיין התנהגות זאל זיין הונדערט פראצענט, דעמאלט שפירט ער זיך פריי און רואיג און ער קען ארויסברענגען זיינע מעלות.

*אין די ישיבה אין חברון ביים אלטן פון סלאבאדקע איז אמאל פארגעקומען א מעשה. עס איז געווען שמיני עצרת, און די גאנצע ישיבה האט געטאנצן הקפות מיט התלהבות. עס איז געווען דארט איין בחור וואס איז נישט געווען דער גרויסער מר בר רב אשי, און ער האט זיך אנגעטרונקען אביסל. ווערנדיג בגילופין האט ער אנגעהויבן רעדן מיט א קאך ווי שטארק ער וויל זיך נעמען אין די הענט אריין און אנהייבן לערנען מיט התמדה. דער גאנצער עולם האט זייער באוואונדערט דאס צו זען. דער בחור איז געווען ווייט פון א מצוין, און דא זעט מען אויף אים אזעלכע גרויסע שאיפות און רצונות. נאך די הקפות איז רבי מאיר חדש אריין צום אלטן פון סלאבאדקע און האט אים דערציילט די געשעעניש. ווען דער אלטער האט געהערט די מעשה האט ער זיך אנגערופן מיט ווייטאג, "פארוואס האט מען מיר נישט געזאגט פריער? איך וואלט אים געגעבן א הקפה!"*

*(אין סלאבאדקע איז געווען דער מנהג צו גיבן הקפות נאר פאר די יונגעלייט, נישט פאר די בחורים. דורכ'ן געבן א הקפה פאר דעם בחור וואלט ער אים געקענט ווייזן אז ער שעצט די אמת'ע רצונות וואס איז ארויסגעקומען פון אים כטוב לבו ביין).*

*דער אלטער האט זיך נישט געקענט בארואיגן, און ער האט געהייסן מען זאל אפרעכטן יענע נאכט הקפות שניות, כאטש עס איז אין ארץ ישראל און מען פראוועט נאר הקפות אום שמיני עצרת, נישט אום שמחת תורה. אזוי האט מען טאקע געטון, און מען האט געגעבן פאר דעם בחור א הקפה. ביז'ן היינטיגן טאג פראוועט מען הקפות שניות אין סלאבאדקע, וויבאלד דער אלטער פון סלאבאדקע האט געוואלט ווייזן פאר דעם בחור אז ער איז מחשיב די גוטע רצונות וואס ער האט ביי זיך אין הארץ.*

**אמאל קען זיין אז עס איז באמת דא נחת, נאר מען פארמאכט זיך די אויגן און מען זעט עס נישט,**

די זעלבע דארף מען אויך טון ביי זיך אינדערהיים און ארויסברענגען דעם קינד'ס מעלות כסדר. ווען מען הערט אמאל א קאמפלימענט פון א שכן אדער א קרוב זאל מען אים אויספרעגן וואס עס איז אים אזוי געפאלן וועגן דעם קינד, און מען זאל עס פון דעמאלט אן פרובירן צו באמערקן און ארויסהייבן דאס קינד דערפאר. אזוי וועט ער זיך וועלן אנשטרענגען און פארבעסערן אפילו די ענינים וואו ער איז שוואך.

מען קען טרעפן דעם געדאנק מרומז די וואך אין די סדרה, וואו די תורה הייסט יעדן איינעם גיבן א מחצית השקל. דאס קען זיין א רמז אז אויף יעדע זאך וואס מען קוקט זעט מען נאר האלב דערפון. ווען מען זעט די חסרונות פון א מענטש זאל מען וויסן אז עס איז דא נאך א האלב פון אים וואס איז באהאלטן. מיט דעם קען מען אויך טייטשט די גמרא (מגילה יג) "אמר ריש לקיש גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל והקדים שקליהן לשקליו". ווייל די גמרא זאגט אז די אידן האבן זיך באמת פארדינט מיתה צוליב דעם וואס זיי האבן זיך באטייליגט בסעודתו של אותו רשע, נאר וויבאלד זיי האבן עס נאר געטון לפנים, און זייער הארץ איז נישט געווען דערביי, דערפאר איז די גזירה אויך געווען לפנים. דערפאר האט דער באשעפער געהייסן פאר די אידן גיבן א מחצית השקל וויבאלד דאס איז מרמז אז ווען מען זעט אן עולה ביי א צווייטן זאל מען אריינטראכטן טיפער און פארשטיין אז מען זעט נישט דעם גאנצן בילד.

צום שלוס וועל איך ברענגען א ווארט וואס איך האב אמאל געהערט אויף דעם וואס מען ווינטשט אן ביי שמחות אז מיר זאלן זען אידיש נחת. פארוואס דרוקט מען זיך אויס אז מען זאל "זען" נחת? נאר אמאל קען זיין אז עס איז באמת דא נחת, נאר מען פארמאכט זיך די אויגן און מען זעט עס נישט, ווייל מען איז פארנומען קוקן אויף די חסרונות פון דעם קינד. דערפאר ווינטשט מען אז מען זאל קענען "זען" די נחת.

Adapted and edited by:
Just Write
Looking for the words that will say it just write?
347.450.8467 info@justwritethat.com

Shimmy Goldberg
DRIVEWAY LEASING
Phone: 718.813.3000 #103
Monsey: 845.459.AUTO (2886)
Fax: 718.517.8022 Cell: 347.351.9148
Email: shimmy@drivewayleasing.com
www.drivewayleasing.com

TRUST INSURANCE BROKERAGE
MOSHE STEINMETZ
ALL FORMS OF INSURANCE
COMMERICAL
RESIDENTIAL
FIRE INSURANCE
WORKERS COMP
AUTO
HEALTH
DISABILITY
Phone: 718-305-7330
Fax: 718-305-7331
cell: 347-408-7337
ms@trustbrokerage.net
4319 13th Avenue
Brooklyn N.Y. 11219

מנדב צו זיין "חינוך געדאנקען" לעילוי נשמת, לרפואה, לזכות פאר אייער קרובים אדער באקאנטע
רופט 718-758-5780 אדער שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com

צו באקומען "חינוך געדאנקען" דורך email שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com